# שטערן אין מײַן שויב

**ווילן**

איך האָב מיך אויסגעגלײַכט
און כ׳לעב.
ווילן האָט געזיגט
אין געפעכט מיט טויט !
יונגט איז ווילן —
און איך בין יונג ;
און ווײַל כ׳בין יונג,
האָב איך מיך אויסגעגלײַכט
און כ׳לעב.

געווען שוין בײַם לעצטן גבול
פון פלייש און געביין.
מײַן אויסגעפײַניקטער חומר
האָט זיך געלײַטערט
אינעם פיבער־ווילן
צו זײַן.
האָב איך מיך אויסגעגלײַכט
און כ׳לעב.

איך וויל נישט זײַן בלויז גײַסט ;
גײַסט דאַרף דעם חומר־פּאַנצער. —
איך קאָן נישט אַראָפּנידערן
צום גרויס־גרויזאַמען לעבן

רבקה
קאַפּע

פון אייביקייט ;
איך מוז צוערשט אַרויפהויכן,
אַרויפשטײַגן
צו אַ זילבער-געפלעכט
פון העכסטן ציל.
איך האָב נישט געגנבעט ס'לעבן,
וואָס ליגט אונטערן שליסל
פון סוד,
איך האָב געשמידט ווילן !
האָב איך מיך אויסגעגלײַכט
און כ'לעב.

איך האָב דעם ווילן פון בוים,
וואָס חלומט אין זײַן ווינטערשלאָף,
און צעוויקלט זײַן חלום
אין פרילינג...
כאָטש עס ווינטיקט און וויכערט אין אים,
ער קערט זיך צום לעבן אום ;
צינדט אַ שמייכל-פאַקל
און לייגט זײַנע רינגען אין שטאַם.
און ווײַל איך בין ווי דער בוים,
האָב איך מיך אויסגעגלײַכט
און כ'לעב.

# ש ט ע ר ן
# אין מײַן שויב

ווען דער טויט,
דער סקעלעט-אַטלעט
מיט די בלײַערנע נעגל
האָט אַוועקגעליינגט מײַן פֿאָטער
און איבערגעשניטן
זײַנע פֿיר און פֿופֿציק יאָר,
האָב איך געזען,
ווי ער טרינקט זיך
אין גסיסה-שוויים.
איך האָב געהערט
דעם אומזין-געפּלאָנטער
אויף זײַנע לעבלאָזע ליפּן,
איך האָב געזען שטאַרבן !...

אײַנגעוויקלט
אין דער מיסטעריע פֿון טויט,
איז אַרויס
פֿון מײַן דין-דינער הויט פֿון יאָרן
דער ערשטער שמערצגעשריי
פֿון ליד.
און ווײַל כ'בין אַ שותּף צום באַשאַף,
שפּרינג איך אַריבער געפֿאַרן;
און נאָך אין געפֿאַר,

רבקה
קאפע

א נײַע הויט וואַקסט מיר אָן.
איך האָב מיך אויסגעגלײַכט
און כ׳לעב.

איך וויל נישט זײַן
קיין טרויערמאַרש.
מײַן אויער
וויל דעם שוידער-טעם
פון בערליאָז׳ם רעקוויעם
אַליין פילן.
איך וויל שטילן די עכאָס
פון מײַנע נעכטנס,
זיי זאָלן פאַרצווינגן ווערן
פון הײַנטיקן טאָגבלענד —
און געבענטשט זאָל זײַן
די מאַכט פון ווילן,
וואָס האָט צעדריקט
די זלידנע שוואַרצע פליג,
וואָס גראַמט זיך טרויעריק
מיט נויט...
איך האָב מיך אויסגעגלײַכט
און כ׳לעב.

איך וועל נאָך אָטעמען
דעם דופט
פון בעטהאָווענס נײַנטע סימפאָניע,
וואָס באַלזאַמט
און אײביקט זײַן נאָמען
אויף אַלע צײַטן.
מײַן ווילן בליט ערשט,
רויט ווי מאָן,
צו אַ נײַעם בראשית. —
פּונקט ווי די געווינערין
פאַר דער געבורט,
וואָס קאָן פאַר ווייטאָג
רײַסן קייטן,
האָב איך צעפליקט
די טויטווייען —
און אַלע דאַמבעס צום לעבן
דורכגעבראָכן,
מיך ווידער געבוירן.
כ'האָב מיך אויסגעגלײַכט
און כ'לעב !

## וואַגשאָל

ס'איז אַ וואָגשאָל מײַן געמיט.

ווען ס'שטײַגט די וואָגשאָל,
ווער איך ווײַסער פּאַקל,
אָפּגלאַנץ פון דער זון, פון מײַן געמיט.
איך גיי אַרויס פון חלום־שטוב
און הימלדיק פאַרהייב איך מיך
פון חלום־טורעם, אַריבער, העכער צו דער וואָר,
אַז אײַנגעשרומפּן קליין
ווערט די ערד אַנטקעגן מיר!

פאַלט די וואָגשאָל — מײַן געמיט,

פאַל איך ווי אַ משא צו דער ערד.
שוואַרץ, סוף־חודשדיק;
שוואַרצע ווענט דאַן וואַקסן איבער מיר
און דריקן אין מײַן פּיצל וועלטל
אַלע ספקות אַרײַן.
ס'רײַט איבער מיר די נאַכט, ס'לאַכט דער ווינט
און ס'קלאָגט אין מײַן הוילקייט
אַ געשלאָגענער הונט.

# שטערן
# אין מײַן שויב

### עס איז מיר גוט

עס איז מיר גוט אַזוי
צו זיצן אין דער מושלע פון מײַן טרויער.
מלאכים־פליגל פון איינזאַמקייט
יאָגן אָפּ יעדן מענטשלעכן שאָרך פון מײַן אויער.
אַ צעפּורפּורטער פּלאַטער
האָט אַלע פאַרבן מיר אין אויג אויסגעציקלט,
כ'האָב צונויפגעקניפּט אַלע מײַנע טעג —
און אויפן שפּינראָד פון מײַן לעבן זיי פאַרוויקלט.
אַ שווינדלעריש געדריי
צערײַסט זיי ווי שפּינען־געוועבן,
גיסט זיך זיסער טרויער — און ס'גיסט זיך אויך לעבן.
ס'פאַרקלאַפּן מײַנע ציין
די שוועלן פון מײַנע ליפּן,
עס זאָל קיין איין סוד נישט אַרויס,
קיין וווּנדיקער זיפץ, קיין כליפּען.
אַליין ס'וועט מײַן אָטעם
מײַן צעגליטער מיך איבערזאָטן,
ביז כ'וועל אַ געלײַטערטע אַרויס,
זיך אויסשטראַלן אַריבער מײַן שאָטן.

רבקה קאַפּע

## שפּליטערס פון חלומות

איבערגלוויביק בין איך,
צווייפּנימדיק מײַן לעבן,
אין מאָרגן כ'גיי געפּאַנצערט
אין טרוימישע געוועבן.

אַ פויגל אין געוואַנטן,
אַ פאַרביק וואַסער-בלימל,
אַ לאַנגער כּישוף-דויער
אין מינוטנדיקן דרימל.

אין אַרענע פון מײַן חלום
אַ פערד אַ ווײַס, אַ חיה,
אַ נײַע טויט-עגלה,
די שרעק פון אַ לוויה.

און אָפּט אויך שאָטנס טויטע,
צויטן פון מלחמה.
חורבות, קריעה, בלועה,
געהייליקטע מיט טומאה.

אויף אַ וויסטן אינדזל
צעמישטע ווינטן ווייען —
פון מענטשן-אַש און חורבה
נײַע הײַזער שטייען...

## ש ט ע ר ן
## אין מײַן שויב

דאָס אַלץ פאַר מיר אַ סימן,
אַ פאַרשטעל און אַ צייכן,
די לעצטע הויך פון חלום
איך זוך מיט וואָר פאַרגלײַכן.

ווען ס׳וואַכן מײַנע חושים
אין מאָרגנטיף צעקלונגען,
כ׳ליג אָפּגעפאַרבט מיט חלום,
ווי שטויב אויף שמעטערלינגען.

און קלײַב אויף די חלומות,
וויקל אוים די שענסטע, —
און קלייד זיי אָן אין אמת
אין מאָרגנליכט בײַם פענצטער.

אין טאָג אַרײַנגעקייטלט,
איך לעב נאָך אַ פאַרטרוימטע,
די וואָר כ׳קאָן נישט דעריאָגן,
אין חלום אַ פאַרזוימטע...

כ׳האָב אָפּגעבליט אין חלום,
נאָר האָב נישט אויפגעגעבן,
— אַנטקעגן אַלע שטראָמען
די לאַסט פון טעג צו לעבן.

רבקה קאפע

## פּאַריזער מאָזאַאיק

אָנגעגליט איז די הויט פֿון טאָג.
דורך בראָנדז און שטיין
לויפֿן די בולוואַרן.
אויף פּלאַץ וואַנדאָם,
ווי פֿון אַ קאַרוזעל,
קוקט אַראָפּ
נאַפּאָלעאָן.
גײַסטער גייען אויף,
גײַסטער שוועבן אָן,
באַפֿעלקערן דעם רוים
אין אַ פֿאַנטאָמימע־קראַנץ,
אין אַ מאַקאַברישן מלחמה־טאַנץ!

האַמעטנע שלאָגט דער פּולס פֿון טאָג,
געהילט אין רויך פֿון אויטאָס און מאַשינען.
די מעטראָס שלינגען אײַן
און שפּײַען אויס
דעם שטאָלענעם געקלאַנג פֿון טאָג.
ס'יאָגט די מענטשן־מאַסע,
ווי פֿון אָפּגעלאָזטע לייצעס — אַ געדראַנק...
טייל פֿאַרטראַכט,
ווי טריבע טעג,
מיט טריט פֿאַמעלעכע
צום ריטעם פֿון פֿאַרלאַנג.

צוויי שמייכלען שמידן זיך
אין קלעם פון הענט...

שיין זײַנען די פרויען פון פּאַריז!
די שיר־השירימדיקע גלידער
וועקן גרינע בלומענטעג.
ס'פּלייצט די גאַס מיט לוקסוס, איבערזועט! —
אין דעם זעלבן קרײַז:
„פּאַר זעקס מאָלצײַטן
גיב איך דעם מאַנטל, וואָס איך טראָג!"
איז מיט אַ קרײַד צופּוסנס
אָנגעשריבן אויפן ראָג.
בליקן שטויסן זיך צונויף,
אַן אַקסל גיט אַ צוק,
און מען גייט, מען גייט,
און ס'גייט דער זאַטער שמייכל פונעם טאָג.
אַ קאָפּ לאָזט שווער זיך אַראָפּ.
שעמעוודיק און רויט
שלײַכט די זון אַוועק זיך פון דער נויט.

צוויי פרויען אַ צווילינג־פּנים.
ליאַלקעס אַלטע
שאַרן מיט די פיס ווי מאַנעקענעס
און טראָגן דעם יונגן רויזנטאָג
אַוועק אויף זייער רוקן.

רבקה קאפע

זיי אָטעמען מיט ווילטאָג און מיט זעט —
און נענטערן פּאַמעלעך צו דער ערד...
די אויערן געל און דין,
ווי פון טויט שוין אָנגערירט.
זיי טראָגן הענגל-צירונג
און שעפּטשען שטיל, פּאַמעלעך,
ווי זיי וואָלטן דאָ אין וואַטע
דימענטן געלייגט.
די שוואַרצע קליידער
וועקן אַ בית-עולם אויף.
זיי גייען טריט ביי טריט נאָך
דעם לאַדונג-קאַראַוואַן פון טאָג!

צי גייט דער טויט אין צירונג אויסגעצירט?
צי האָט אַ חלום מיך באַרירט?

מען גייט, מען גייט.
עס הוזשעט אין דער לופט.
אַ בלעטל פרילינג
גיט אַ מיש זיך אויף
און פאַרשווינדט.

עס טונקלט.
אויפקלאַפּן נעמט דער טאָג

די באַרקע פון דער נאַכט.
שווימט די נאַכט
מיט איר שטערן־לאָדונג אַרײַן.

דער גלאַנץ פון בולוואַר
שנײַדט און קלאַפּט אין אויג.
נאָר קירכנקאַלט און פרעמד,
אײַנגעוויקלט אין עפּעס אַ פאַרלאַנג,
הייבן זיך די פּיס מײַנע צום גאַנג.

אין גליטאָפּ פון ייִדישן קוואַרטאַל
איז היימיש גרוי.
די לופט איז אָנגעקנוילט
מיט אַלט־שטעטלדיקן שטויב,
מיט צעשטויסענעם ייִדישן געווירץ.
די קראָמען גענעצן
צעכראַסטעט — און פּיקאַנט.
אַ פּיאה פלאַטערט דורך
צעווינגט פון ווינט.

אַנטקעגן נאַכט — געשפּאַנט,
גייען מיט מיר, זשומענדיק אין וועג,
טויבנטעג
און שמחות ייִדישע.

רבקה קאַפּע

און ס׳גייען אויך
יענע ווײַטע גרענעצן,
פאַרקנאָטענע מיט ייִדיש לײַב,
געפּלאַסטערטע מיט מתים,
מיטן שטאַמפּ פון הייליקטום
געליישטע אין פּנקסים.

אַ גאַנצער פּלאָנטער פון ווײַס און שוואַרץ
אין קוואַרטאַל פון ייִדיש האַרץ.

בײַ אַ ראָג פון גאַס
שנײַדט אַ ווײַסער שטעקן דורך די נאַכט.
אַ האַרמאָניע־שפּיל
וואַרפט פון זיך אַ צער אַרויס.
זי, דאָס ווײַב,
די בעקלעך רויט,
די קליידער קויט,
קײַלעכיק, —
אַ ראַזאָווע ברויט...
אַ שילד אַ באַוועגלעכע,
באַהאָנגען מיט לאָטעריע־קוויטלעך.
די נומערן ווי ליליפּוטלעך
סודען זיך אָן אויפהער
און שפּעטן פונעם האָפנונג־קויפער...

# ש ט ע ר ן
# אין מײַן שויב

פון שול גייט אַ תּפֿילה אויף.
באַוועגן שטיינער זיך,
ווערן שטיינער צאַפּלדיקע הערצער.
פון אויבן אַ שטיינערדיק לבֿנה-פּנים,
אַ לבֿנה — ייִדישלעכער טרויער,
היט די צען געבאָט אויף דער מויער.

מענטשן ווערן זעלטענער אין נאַס.
די נאַכט פּלאָנטערט
הין און הער,
עס פּלאָנטערן די שטערן אויבן-אָן
ווי צעבליטער הימלדיקער מאָן.

שיין זײַנען די גאַסן פון פּאַריז.